ליגנער, וואָס טראָגן אין זייער אייגן געוויסן אַ
צייכן אויסגעבּרענט ווי מיט אַ גליענדיק אייזן,
3 פאַרווערנדיק חתונה צו האָבּן, און (באַפעלנדיק) מען
זאָל זיך צוריקהאַלטן פון (געוויסע) מאכלים, וועלכע
ג־ט האָט באַשאַפן צום געניסן מיט דאַנק פאַר די
4 מאמינים און וואָס האָבּן דערקענט דעם אמת. ווייל
איטלעכעס באַשעפעניש פון ג־ט איז גוט, און
גאָרנישט איז אָפּצוּוואַרפן, אויבּ מען נעמט עס נאָר
5 אָן מיט אַ ברכה, וואָרום עס ווערט געהייליקט דורך
ג־טס וואָרט און דורך תפילה.

6 אויבּ דו וועסט פאָרלייגן די דאָזיקע זאַכן פאַר
די בּרידער, וועסטו זיין אַ גוטער משרת פון דעם
משיח ישוע, דערצויגן אין די ווערטער פון דער
אמונה און פון דער גוטער לערנונג, וועלכער דו
7 האָסט שוין נאָכגעפאָלגט; נאָר די געמיינע און אַלטע
ווייבערישע לעגענדעס זאָלסטו אויסמיידן. איבּ
8 דיך אָבּער צו יראת־שמים; וואָרום די קערפּער־
לעכע איבּונג בּרענגט ווייניק נוצן; יראת־שמים
אָבּער איז נוצלעך צו אַלעם, האָבּנדיק אַ הבטחה
אויף דעם איצטיקן לעבּן און אויף (עולם) הבּא.
9 באַגלויבּט איז דאָס וואָרט, און ווערט אינגאַנצן
10 אָנגענומען צו ווערן; וואָרום פאַר דעם דאָזיקן
באַמיען מיר זיך און ווערן באַליידיקט, ווייל מיר
האָבּן געזעצט אונדזער האָפענונג אויף דעם לעבּעדיקן
ג־ט, וועלכער איז דער העלפער פון אַלע מענטשן,
11 הויפּטזאַכלעך פון די מאמינים. דאָס זאָלסטו באַפעלן
און לערנען.

12 זאָל קיינער נישט מבזה זיין דיין יוגנט, נאָר זיי
אַ ביישפּיל פאַר די מאמינים, אין וואָרט, אין אויפ־
פירונג, אין ליבּע, אין גלויבּן, אין לויטערקייט.
13 בּיז איך וועל קומען, גיבּ אַכטונג אויף דעם